# כ"ק גאב"ד קרית יואל שליט"א דרוקט אויס טיפע איינדרוק

# ביי באזוך אין די בארימטע "סופרים כשר" שחיטה אין אייאווא

פאסטוויל אייאווא - א גאר זעלטענע געהויבענע געלעגנהייט האט זיך אפגעשפילט די פארגאנגענע וואך אין אייאווא, מיט דעם באזוך פונעם געהויבענעם גאסט כ"ק גאב"ד קרית יואל שליט"א, וועלכער איז געקומען באזוכן די בארימטע סופרים כשר אפטיילונג, וועלכע געפינט זיך אין די רובאשקין שחיטה פלאנצונג, אויף די איינלאדענונג פונעם ידיד עוז הגאון הצדיק רבי מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א, אב"ד נייטרא מאנסי - רב המכשיר, פאר וועמען דער רב שליט"א האט אויסגעדרוקט אינטערעסע און באוויליגונג צו זעהן אט די ריזיגע שחיטה אונטערנעמונג בכל פרטיה.

דער רב שליט"א איז געקומען אין די באגלייטונג פון זיין איידעם הרב ברוך טייטלבוים שליט"א, אלס אפשטעל אונטערוועגנס אהיים פון קאליפארניע וואו דער רב שליט"א האט געוויילט עטליכע וואכן אויף אפרוה.

דער רב שליט"א איז אנגעקומען דינסטאג נאכמיטאג אין די סידער רעפידס לופטפעלד, וואו עס האט אפגעווארט דער נייטרער רב שליט"א, אויך זענען ארויסגעקומען די בעלי בתים פונעם שלאכטהויז, די משפחת רובאשקין הנכבדה שיחיו, אויפצונעמען דעם געהויבענעם גאסט.

מען איז אנגעקומען קיין פאסטוויל, וואו מען האט איינגערישט א דירה נאה מיט אלע צוגעהערן פארן רב שליט"א. עס איז אריבערגעקומען דער ניי אויפגענומענער רב הממונה על השחיטה מטעם הרב המכשיר אב"ד נייטרא שליט"א - הרב חיים צבי מייזליש שליט"א, זוהן פון הרב הגאון אב"ד ווייטצען שליט"א, וועלכער האט אנגעפירט די שחיטת העדה החרדית ביד רמה פאר איבער דרייסיג יאר, און הרב משולם נתן שפיגל שליט"א, און הרב מרדכי ווייסמאנדל שליט"א דומ"ץ, ווי אויך די בעלי בתים החשובים, מו"ה אברהם אהרן רובאשקין הי"ו מיט די קינדער.

עס האט זיך אנטוויקלט א אינטערסאנטער שמועס איבער די זעלטענע מעלה צו האבן א שחיטה מיט שוחטים וואס וואוינען אין די שטאט דערנעבן, נישט צו זיין געצווינגען אויף לאנגע שטרעקעס מיט פארמאטערנדע טורח הדרך אוועק פון שטוב אויף טעג און וואכן, וכדומה.

דער רב שליט"א האט ביי דעם געלעגנהייט אויסגעשמועסט די הערליכע מעלות בקודש און הידורים וואס דער רב שליט"א האט איינגעשטעלט מיט דעם וועד הכשרות אין די קרית יואל שחיטה, וועלכע איז באקאנט לשם לתפארת.

נאכהער האט דער נייטרער רב שליט"א מיטגעטיילט פארשידענע איינצלהייטן איבער די סופרים כשר שחיטה וועלכע האט זיך געגרינדעט אין די רובאשקין שלאכטהויז פאר א יאר א-האלב צוריק, מיט גרויסע הידורים, אויף דעם שטייגער וואס דער גרויסער זיידע כ"ק מרן גאב"ד ירושלים בעל מנחת יצחק זי"ע האט איינגעשטעלט און אנגעפירט ביי די בארימטע שחיטה בתכלית ההידור פון די עדה החרדית בירושלים עיר הקודש, האט דער רב המכשיר שליט"א דאס איבערגעפלאנצט דא.

נאכדעם זענען אריבערגעקומען די 21 שוחטים פון "סופרים כשר" נעמען שלום ביים געהויבענעם גאסט. דער רב שליט"א האט אויסגעפרעגט די שוחטים פארשידענע איינצלהייטן און צוריקגעגעבן שלום בסבר פנים.

שפעט ביינאכט איז מען אריבער אינעם שלאכט הויז, וואו מען האט געקענט מיט א רואיגקייט ווייזן דעם גאנצן ריזיגן שלאכטהויז מיט אלע אפטיילונגען, אנצייגענדיג בפרטי פרטית אויף די גאנצע סדר העבודה וואס איז איינגעשטעלט מיט א מייסטערהאפטע וואונדערבארע ארדענונג און ערפארנקייט.

מיטוואך 4:30 פארטאגס, איז מען אריבערגעגאנגען וואו עס ווערט געמאכט די מלאכת הניקור בהידור רב, וואו דער משגיח שטייט על המשמרת צו פארזיכערן מיט עטליכע סימנים מובהקים אז די אלע בהמות וואס קומען דא אריין זענען פונעם סופרים כשר שחיטה, און דער ציילט אפ די אלע צלעות צו פארזיכערן אז עס נישט פארהאן קיין צלע י"ג. ביי די מלאכת הניקור איז געווען אנוועזנד דער באוואוסטער מומחה אין ניקור הרב משה דוד שטערן שליט"א בעל מחבר ספר תורת הניקור כהלכתה, וועלכע קומט פון צייט צו צייט צו די סופרים כשר שחיטה בשליחות הרב המכשיר שליט"א.

גאר אינטערסאנט איז געווען וואו דער רב שליט"א איז איבערגעגאנגען מיט די מנקרים די אלע שיטות בעניני הניקור אויף א זייטל פון א בהמה, במשך א שעה צייט, ווי אויך די חומרות און הידורים פון די עדה החרדית וואס דער נייטרער רב שליט"א האט דא איינגעשטעלט, וכדומה.

אין די צייט האט מען אנגעהויבן די סדר השחיטה פונעם היינטיגן טאג מיט שחיטת כבשים. די שוחטים זענען געקומען ווייזן די חלפים פאר כ"ק הגאב"ד קרית יואל שליט"א, יעדער שוחט איז געקומען מיט דריי באזונדערע חלפים, לפי תקנת המקום, טייל גאר מיט פינף חלפים ליתר שאת.

דער רב שליט"א האט זיך איינגעקוקט וואו מען שערט אפ די וואל אויפן האלז פאר די שחיטה, נאכהער לייגט מען אראפ די שעפעלע אויף א שיפע בעט, צו מאכן די "שחיטה מונחת" המהודר.

דער שוחט מומחה הרב אלימלך בראנסדארפער שליט"א מירושלים עיר הק' האט געטוהן די עבודת השחיטה מיט געוואלדיגע אומנות און הידור, ווען דער רב הממונה על השחיטה הרב חיים אליעזר מייזליש שליט"א באקוקט די חלפים אויף טרוקענע בדיקות נאך יעדע איינציגע שחיטה, ווען צו די זעלבע צייט שטייט דער צווייטער בודק הסכינים פאר די נאסע, הרב ישראל ברוך בלום שליט"א.

נאך די שחיטה איז מען אריין אינעם אפטיילונג מיטצוהאלטן די בדיקת פנים און בדיקת חוץ, מיט גרויס זהירות און הידור.

צו די באשטימטע צייט האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית אינעם בית המדרש וועלכע איז גראדע דעם טאג באנייעט געווארן מיט די אנוועזנהייט פונעם געהויבענעם גאסט, וואס האט צוגעגעבן אסאך באדייט לרגל המאורע.

נאך פת שחרית איז מען צוריקגעקומען צו די שחיטת ה"גסות".

דער רב שליט"א האט זיך צוגעקוקט גאר באאיינדרוקט פון די אויסערגעווענליכע שחיטה מונחת, וואו די בהמה גסה שפאצירט אריין אינעם ריזיג קעסטל, שטעקט ארויס דעם האלז פונעם ספעציעלן פענסטער, נאכהער דרייעט זיך איבער דער גאנצער קעסטל איבערקערנדיג די בהמה מיט די פיס ארויף צו קענען מאכן א שחיטה מונחת בהידור רב.

דער שוחט מומחה הרב אלימלך בראנדסדארפער שליט"א האט געמאכט די שחיטת הגסות צוזאמען מיטן מחליף הרב יששכר סאמעט שליט"א מירושלים, און די בודקי הסכינים זענען, הרב בערל בלוי שליט"א מבני ברק אויף די נאסע און הרב ישראל ברוך בלום שליט"א אויף די טרוקענע.

איבער איינס א האלב שעה האט מען אזוי מיטגעהאלטן די גאנצע סדר מערכת השחיטה המונחת בכל דקדוקיה.

נאכהער האט מען נאכגעפאלגט ווייטער די בדיקת פנים און בדיקת חוץ, וואו דער רב שליט"א האט אויפגעוויקלט מיט די בודקים החשובים א משא מתן של הלכה מיט פארשידענע הלכות און חומרות, וכדומה. דער רב שליט"א האט אויך אויסגעפרעגט ביי די בודקים איבער ב"י גלאט און סתם גלאט און האט אויסגעדרוקט צופרידנהייט פון די ענטפערס מיט א קלארקייט על בוריים.

דא האט מען געזעהן די "ניקור חם", וויאזוי מען מאכט די גרונטליכע ניקור אויף די גידי הדם גלייך נאך די שחיטה, ווען די בהמה איז נאך ווארים, וואס דאס דערמעגליכט א גאר אויסגעהאלטענע און לייכטע ניקור מהודר. נאכהער האט מען מיטגעהאלטן א שיינע צייט די מליחה אפטיילונג, מיט די מערערע הדחה, בהידור עצום.

שפעטער איז מען אריבער צו די שחיטת העופות, וואו הרב הגאון מוה"ר משולם נתן שפיגל שליט"א איז געשטאנען על המשמרת. דער רב שליט"א איז אריין אינעם צימער וואו די שוחטים שטעלן די חלפים און באקוקט יעדעס חלף, אויסדרוקנדיג באגייסטערונג איבער די עכסט וואונדערבארע שארפקייט און גלאטקייט וואס מען פארלאנגט פון די שוחטים און דאס ווערט טאקע צוגעשטעלט אויפן בעסטן פארנעם.

מען איז געגאנגען צו די ליניע פון די שחיטה זעלבסט, וואו זיבן שוחטים זענען געשטאנען אין די רייע און געטוהן די ארבייט מיט גרויס זהירות און ערנסטקייט. מיט יראת הכבוד האבן די שוחטים אויך דא על אתר געוויזן די חלפים פארן רב שליט"א.

נאכהער האט מען באטראכט די ארבייט פון די משגיחים, אויף די קישקעלעך און אנדערע פרטים, די שרייה וואו אלע עופות ווערן געווייקט אונטערן וואסער, און די מליחה מיט די

הדחה, אלעס מיט זהירות און הידור אויף טריט און שריט, אונטער די השגחה פון די מומחים מובהקים.

דער רב שליט"א האט אויסגעדרוקט באזונדערס שביעת רצון פון די גאר מהודר'דיגע מליחה, סיי ביי די בהמות און סיי ביי די עופות.

צום שלוס, האבן די בעלי בתים מכבד געווען דעם רב שליט"א מיט א קביעות מזוזה, און דער רב שליט"א האט דערביי זיך געזעגנט ווארים מיט די שוחטים און אנגעוואונטשן הצלחה און סייעתא דשמיא אין אט די הייליגע ערנסטע ארבייט.

ביי דעם געלעגנהייט האט דער רב שליט"א אויך אנגעוואונטשן הצלחה בכל הענינים פאר די בעלי בתים, משפחת רובאשקין שיחיו, איבערגעבנדיג אויפן ארט א פערזענליכע לאדענונג אויף צוריק צו די שלאכט הויז אין קרית יואל המעטירה יצ"ו.

כ"ק הגאב"ד קרית יואל שליט"א האט דערביי אויסגעדרוקט פאר נייטרער רב שליט"א די טיפע איינדרוק פונעם גאנצן שלאכט הויז מיט די וואונדערבארע הערליכע שחיטה מהודרת פון די "סופרים כשר", וואס איז איינגעשטעלט מיט אזא זהירות און די אלע חומרות און הידורים, מיט אזויפיל אפגעהיטנקייט, מיט שוחטים יראים ושלמים, חסידים ואנשי מעשה, ערליכע בני תורה המדקדקים בקלה כבחמורה. דער רב שליט"א האט אויסגעדרוקט באגייסטערונג וויאזוי מען האט אין אזא קורצע צייט באוויזן צוצושטעלן אזא כשרות הבשר למהדרין מן המהדרין.

אויפן וועג אהיים האט דער גאב"ד קרית יואל שליט"א נאך פארגעזעצט דעם געשפרעך איבער דעם באזוך און די טיפע איינדרוק פונעם פלאץ מיט אזא געוואלדיגע כשרות.

דער רב המכשיר נייטרער רב שליט"א האט שטארק באדאנקט דעם גאב"ד שליט"א פאר דעם ספעציעלן באזוך און פאר די ווארימע חיזוק אויף אט די געוואלדיגע אונטערנעמונג מיום הוסדה עד היום הזה. דער גאב"ד שליט"א האט דערויף אנגעוואונטשן מיט ווייטערדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא אינעם משמרת הכשרות און אין אלע ענינים, מיט הרחבת הדעת און כל טוב.